**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס מעלדן $95 מיליאן אין סטעיט פאנדינג פארטיילט פאר 15,000 NYCHA הויזגעזינד דורך ניו יארק סטעיט עמערדזשענסי רענטאל הילף פראגראם**

***גאווערנער און לעגיסלאטור האבן אוועקגעלייגט $1.15 ביליאן צוצולייגן פעדעראלע עמערדזשענסי רענטאל הילף פראגראם פינאנצירונג אין פיסקאלע יאר 2023 און פיסקאלע יארק 2024 בודזשעט***

***גאווערנער האט געלייגט פאר א פריאריטעט דאס פארענדיגן די תקופה פון פארנאכלעסיגקייט וואס האט געפלאגט פובליק הויזינג; געקעמפט צו שאפן NYCHA פרעסערוועישאן טראסט און באשיצן איינוואוינער***

גאווערנער קעטי האקול און ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האבן היינט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט עמערדזשענסי רענטאל הילף פראגראם האט אנגעהויבן פארטיילן כמעט $95 מיליאן צו דעקן רענטאל חובות פאר כמעט 15,000 ניו יארק סיטי הויזינג אויטאריטעט איינוואוינער. די מילשטיין איז עררייכט געווארן דורכאויס די ערשטע זעקס מאנאטן נאך די פינאנצירונג איז דורכגעפירט געווארן אינעם פיסקאלע יאר 2024 ענקטעד בודזשעט. די $95 מיליאן פאר ניו יארק סיטי הויזינג אויטאריטעט טענענטס איז טייל פון די איבער $350 מיליאן אינוועסטירונג אין פובליק הויזינג און סעקשאן 8 איינוואוינער אוועקגעלייגט דורך גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור אינעם פיסקאלע יאר 2024 דורכגעפירטע בודזשעט.

"עס קומט זיך פאר טענענטס וועלכע וואוינען אין פובליק אדער סאבסידייזט הייזער זיכערע, וואוינבארע און אפארדעבל הייזער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די ריזיגע אינוועסטירונג אין פובליק הויזינג העלפט 15,000 הויזגעזינד בלייבן אין זייערע היימען, און איך בין פארפליכטעט צו ארבעטן מיט NYCHA צו פארזיכערן אז יעדע בארעכטיגטע טענענט באקומט די שטיצע וואס זיי דארפן."

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "איך בין אויפגעוואקסן אויפן שוועל פון היימלאזיגקייט, דעראיבער ווייס איך ווי וויכטיג אפארדעבל הויזינג איז פאר ניו יארקער. ווען קאוויד האט ערשט אנגעהויבן צו אפעקטירן אונזער עקאנאמיע, און ביזנעסער האבן זיך פארמאכט און אפגעזאגט מענטשן, זענען NYCHA איינוואוינער געווארן אויסגעשלאסן פון עמערדזשענסי רענטאל הילף אוועילעבל צו אנדערע ניו יארקער. אונזער אדמיניסטראציע האט, פאר מאנאטן, זיך צאמגעפארט מיט איינוואוינער און ערוועלטע באאמטע צו שתדל'ן פאר די הילף וואס זיי דארפן, און איך בין שטאלץ אז מיר פירן דאס אויס פאר זיי היינט. אונזערע טיעמס האבן זיך אראפגעזעצט און געבויט א פראצעדור וואס וועט ברענגען פאר פאמיליעס וואס מוטשענען זיך ביז צו א פולע יאר פון פינאנציעלע הילף - און מיר האבן שוין אריינגעגעבן $128 מיליאן ווערט פון אפליקאציעס אין נאמען פון 33,000 ניו יארקער הויזגעזינד. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול, אונזערע שותפים אינעם סענאט און אסעמבלי, און יעדער אין אונזער אדמיניסטראציע וועלכע האבן אויסגערעכנט וויאזוי דאס צו טון און עס מאכן שנעלער כדי מיר זאלן קענען העלפן די וואס דארפן עס ווי שנעל מעגליך. די אינוועסטירונגען וואס מיר מאכן היינט

דורך עמערדזשענסי רענטאל הילף פראגראם איז נישט נאר די ריכטיגע זאך צו טון, נאר די קלוגע זאך צו טון וויבאלד אינוועסטירן אין ניו יארקערס היינט, וועט צאלן דיווידענדס מארגן."

**אסעמבלי ספיקער קארל היסטי האט געזאגט,** "פאר די לעצטע צענדליגע יאר, האבן מיר געקעמפט צו באקומען וויכטיגע רענטאל הילף און שטיצע פאר פאמיליעס אין אונזער סטעיט וואס האבן זיך געמוטשעט צו קלעקן זינט די קאוויד-19 פאנדעמיע און עקאנאמישע קריזיס. די פינאנצירונג וואס מיר האבן אוועקגעלייגט אין דאס יאר'ס בודזשעט איז געווען א גרויסע הילף פאר NYCHA און פובליק הויזינג איינוואוינער. די ERAP געלטער האט געגעבן פאר טויזענטער ניו יארקער די רענטאל הילף וואס זיי דארפן וויכטיג האבן, און געגעבן NYCHA די מעגליכקייט צו דעקן די אויספירונג קאסטן. מיר וועלן ווייטער ארבעטן צו העלפן ניו יארקער בלייבן אין זייערע הייזער און האבן צוטריט צו זיכערע, אפארדעבל הויזינג."

גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור האבן אוועקגעלייגט איבער $1.15 ביליאן צוזולייגן פעדעראלע עמערדזשענסי רענטאל הילף פראגראם (Emergency Rental Assistance Program, ERAP) פינאנצירונג אינעם פיסקאלע יאר 2023 און 2024 דורכגעפירטע בודזשעטן, אריינגערעכנט $391 מיליאן פאר רענטאל חובות הילף, מיט $350 מיליאן פון יענע סכום צו שטיצן ניו יארק סטעיט'ס ERAP פאר פובליק און סאבסידייזט הויזינג איינוואוינער, אריינגערעכנט NYCHA, און $35 מיליאן ספעציפיש צו באצאלן ניו יארק סיטי הויזינג אויטאריטעט (New York City Housing Authority, NYCHA) טענענט חובות אין צוגאב צום ERAP פינאנצירונג.

די סטעיט לעגיסלאציע וועלכע אויטאריזירט ERAP האט פארלאנגט אז טענענטס פון סאבסידייזט הויזינג האבן נישט געקענט ווערן באצאלט ביז אלע אנדערע אפליקאציעס זענען באטראכט געווארן. די פיסקאלע יאר 2024 בודזשעט האט אויסגערעכנט אז מער ווי $350 מיליאן אין נאך סטעיט פאנדינג איז פאר אפליקאציעס אריינגערעכנט די פון טענענטס פון פובליק הויזינג און אנדער פובליקלי סאבסידייזט הויזינג. ערהאלטונג פון די סטעיט ERAP באצאלונגען האבן פאזיטיוו אפעקטירט NYCHA'ס מעגליכקייט צוצושטעלן וויכטיגע סערוויסעס פאר איינוואוינער.

ביז היינט, האט די ניו יארק סיטי הויזינג אויטאריטעט (NYCHA) באקומען באצאלונגען אין סך הכל פון $94.8 מיליאן אין נאמען פון 14,863 הויזגעזינד. אין א באמיאונג צו פארבינדן ווי מער הויזגעזינד מעגליך צו ERAP פאנדס, האט זיך[ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע דיסאביליטי הילף](#) (Office of Temporary Disability Assistance, OTDA) זיך צאמגעפארט מיט NYCHA איינצופירן א פראצעדור וואס האט געגעבן ביז צו 12 מאנאטן פון פינאנציעלע הילף צו הויזגעזינד וואס האבן צאמגעזאמלט רענט חובות ביים שוואונג פונעם פאנדעמיע.

גאווערנער האקול האט שוין פריער אונטערגעשריבן לעגיסלאציע שאפנדיג די [ניו יארק פובליק הויזינג פרעסערוועישאן טראסט](#), געצילט צו אדרעסירן אומפארענדיגטע פאררעכטונגען, ריהאביליטאציע, און מאדערנעזירן 25,000 NYCHA אפארטמענטס. די פרעסערוועישאן טראסט וועט ערמעגליכן ביליאנען אין פעדעראלע פאנדינג צו שטיצן נויטיגע פאררעכטונגען און פארבעסערונגען. גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן פארשידענע געזעצן צו שטיצן טענענטס אין ניו יארק, די לעצטע, [אונטערשרייבנדיג](#)לעגיסלאציע וואס פארלאנגט NYCHA צו שנעל מעלדן איינוואוינער אויב וואסער איז נישט זיכער פאר טרינקן אדער קאכן.

אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט דער סטעיט געגעבן $1.25 ביליאן אין וויכטיגע קאפיטאל דאלארן פאר NYCHA, און צוגאב צו $135 מיליאן אין פיסקאלע יאר 2024.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף אנפירונג קאמיסיאנער בארבארא ס. קין האט געזאגט,** "OTDA איז דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור פארן צושטעלן די נויטיגע פינאנצירונג צו פארזיכערן אז ERAP קען העלפן NYCHA איינוואוינער און אנדערע טענענטס פון סאבסידייזט הויזינג וואס האבן געליטן נעגאטיווע עקאנאמישע קאנצעקווענסן פון די פאנדעמיע און זענען נאך שולדיג זייער רענט. דער גאווערנער האט געקעמפט פאר די פראגראם פונעם אנהויב פון איר פירערשאפט און ניו יארק איז שנעל אנערקענט געווארן אלס א נאציאנאלע פירער און אויספירן די רענטאל הילף מיט מער ווי 275,000 באצאלונגען צו העלפן ניו יארקער פארבלייבן אין א שטארקע הויז."

**ניו יארק סטעיט הייזער און קאמיוניטי באנייאונג קאמיסיאנער רוטענן וויסנאאסקאס האט געזאגט,** "צושטעלן הילף פאר טענענטס, ספעציעל איינוואוינער פון אפארדעבל און פובליק הויזינג וואס מוטשען זיך צו באצאלן רענט דורכאויס די קאוויד פאנדעמיע, איז א וויכטיגע טריט אין אדרעסירן דעם הויזינג קריזיס. כמעט 15,000 הויזגעזינד היינט קענען זיך יעצט מיטכאפן צו באצאלן רענט צאלונגען און NYCHA וועט האבן די הילפסמיטלען עס דארף צוצושטעלן וויכטיגע סערוויסעס פאר אירע איינוואוינער. איך בין דאנקבאר צום גאווערנער און די לעגיסלאטור פאר זייער שטיצע פון NYCHA איינוואוינער און איבערגעגעבנקייט צו פובליק הויזינג."

**ניו יארק סיטי הויזינג אויטאריטעט הויפט ליסא באווע-היאט האט געזאגט,** "NYCHA טוט נאכאמאל אויסדריקן איר דאנקבארקייט צו יעדער וואס האט געמאכט די וויכטיגע רענט הילף מעגליך, אריינגערעכנט גאווערנער קעטי האקול, מאריטעט פירער אנדריע סטוארט-קאזינס, ספיקער קארל היסטי, ניו יארק סטעיט הויזינג טשעירס סענאטאר בריאן קאוואנאו, און אסעמבלי מיטגליד לינדא ראזענטאל - אין צוגאב צו מעיאר עריק עדעמס און אונזערע סיטי שותפים וואס האבן צוגעשטעלט שטארקע שטיצע, און אוודאי, די איינוואוינער זעלבסט, וועלכע האבן שווער געקעמפט פאר די עמערדזשענסי געלטער. דורך באקומען די געלט און פארזיכערן א גלייכע פראגראם פאר פובליק הויזינג און סאבסידייזט טענענטס, האט ניו יארק סטעיט ארויסגעוויזן אמת'ע פירערשאפט - און מיר זענען זייער צופרידן אז די שטארק נויטיגע הילף האט זיך אנגעהויבן און צו זען די הילף ווערן געגעבן צו איינוואוינער אקאונטס."

**רעפריזענטעטיוו נידיע מ. וואלעסקאז האט געזאגט,** "דורכאויס די הויכפונקט פונעם פאנדעמיע, האב איך שווער געארבעט צו באקומען פעדעראלע רענטאל הילף צו פארזיכערן אז די ארבעטן-קלאס פאמיליעס און אינדיווידועלן קענען פארבלייבן אין זייערע היימען דורכאויס אן אומפאראויסגעזענע קריזיס. איך בין שטאלץ היינט, אז ניו יארק טוט ווייטער געבן יענע הילף דורך צושטעלן מער ווי $350 מיליאן פאר פובליק און אפארדעבל הויזינג איינוואוינער לענגאויס ניו יארק, מיט $95 מיליאן דירעקטירט גלייך צו NYCHA טענעטס. די געלט, געמאכט מעגליך דורך די פעדעראלע רעגירונג'ס ERAP פראגראם, וועט העלפן מער ווי 15,000 NYCHA טענענטס און פאמיליעס מיט זייער רענט וואס זיי זענען שולדיג. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור פאר זייער ארבעט צוצולייגן פעדעראלע ERAP געלטער און פארזיכערן אז NYCHA איינוואוינער קענען פארבלייבן אין זייערע הייזער."

**סטעיט סענאטאר ברייען קעווענעג האט געזאגט,** "זינט מערץ פון 2020 ווען קאוויד-19 האט ערשט אנגעגריפן ניו יארק, האב איך געקעמפט צו געבן עמערדזשענסי רענטאל הילף-צוזאמען מיט א 22 מאנאטיגע עוויקשאן מאריטאריאם-צוריקצוהאלטן ניו יארקער פון ווערן ארויסגעשטופט פון זייערע הייזער אדער ווערן פארפליכטעט דורך אומבאצאלטע רענט וואס האט זיך אנגעזאמלט ווען זיי האבן פארלוירן ארבעט און געהאלט צוליב די פובליק העלט צוימונגען. איך בין זייער צופרידן צו ארבעטן נאנט מיט גאווערנער קעטי האקול און מיינע מיטארבעטער אין די לעגיסלאטור צו פינאנצירן די עמערדזשענסי רענטאל הילף פראגראם, און איבערהויפט צו באקומען די לעצטער רונדע פון געלטער צו דעקן איינוואוינער פון פובליק הויזינג, וועלכע האבן זיך איינגעגעבן און זענען געווען בארעכטיגט פאר ERAP אבער זענען אראפגענידערט געווארן צום נידריגסטן פריאריטעט צוליב אן אומ'יושר'דיגע באדינג צו

דיפריאָטעריזירן די דאָזיגע ניו יאָרקער'ס אַפּליקאַציעס. צוזאַמען, האָבן מיר באַקומען כמעט $4 ביליאָן אין ERAP הילף, אַריינגערעכנט מער ווי $1 ביליאָן אין סטעיט פאָנדס, א פיל גרעסערע סטעיט פאַרשפּרעכונג ווי סיי וועלכע אַנדערע סטעיט. איך דאַנק די פילע טענענט פירער, איינוואוינער, פּובליק הויזינג באַאַמטע, און אַדוואָקאַטן וועלכע האָבן זיך צאַמגעשטעלט אין די קאַמף פאַר די קריטישע פינאַנצירונג, ווי אויך סענאַט פירער אַנדריע סטוארט-קאַזינס, ספּיקער קאַרל היסטי, אַסעמבלי הויזינג הויפּט לינדאַ ראָזענטאַהל, און אַסעמבלי-מיטגלידער גרעיס לי. און איך דאַנק גאָווערנער האָקול פאַר איר פּירערשאַפט און איר אַנגייענדע פאַרשפּרעכונג צו פאַרזיכערן אַז ניו יאָרקער באַקומען די הילף און שטיצע וואָס זיי דאַרפן."

**אַסעמבלי-מיטגליד לינדאַ ב. ראָזענטאַהל האָט געזאָגט,** "כאָטש די עמערדזשענסי רענטאַל הילף פּראָגראַם האָט צוגעשטעלט א הילף ליניע פאַר צענדליגע טויזענטע פאַמיליעס, זענען NYCHA איינוואוינער געווען די לעצטע אינעם ליניע פאַר געלטער און אין אָנפאַנג נישט באַקומען קיין פעני. איך בין שטאָלץ צו האָבן געווען א פירער אין די באַמיאונג צו פאַרריכטן די אומרעכט דורך סוקסעספול קעמפן צוצולייגן מיליאָנען דאָלאַרן אין ERAP פאָנדינג ספּעציפיש פאַר NYCHA אין די ניו יאָרק סטעיט בודזשעט. דורך אַרבעטן מיט גאָווערנער האָקול האָבן מיר פאַרזיכערט אַז NYCHA האָט באַקומען א גלייכע טייל פון די געלט. איך ווייס אַז די $95 מיליאָן פון די ערשטע באַצאָלונג צו NYCHA האָט זיך אויפגעוויזן צו זיין קריטיש, געבנדיג א ריזיגע געפיל פון הילף צו פילע פאַמיליעס און העלפן NYCHA אָנצוהאַלטן גענוג רעזערוון און סערוויסעס פאַר אירע איינוואוינער."

די פינאַנציעלע שוועריגקייטן זיי האָבן זיך געדאַרפט ספּראַווען מיט זענען געווען ריזיג, און איך פערזענליך ווייס פילע איינוואוינער וואָס האָבן געדאַרפט מאַכן די שווערע באַשלוס צווישן צאָלן זייער רענט אָדער באַגראָבן זייער באַליבטע, לייגן עסן אויפן טיש פאַר זייערע פאַמיליעס, אָדער באַצאָלן מעדיקעל בילס. כאָטשיג זיי דאַרפן די הילף די מערסטע, זענען פּובליק און סאַבסידייזט הויזינג איינוואוינער געוואָרן אַראָפּגענידערט פאַר עמערדזשענסי רענט הילף און אָפּגעזאָגט געוואָרן די הילפסמיטלען וואָס אַלע אַנדערע ניו יאָרקער זענען געגעבן געוואָרן. די $391 מיליאָן מיר האָבן באַקומען צו באַצאָלן ERAP אין די היי-יעריגע סטעיט בודזשעט איז הילף וואָס טוישט די לעבן פאַר די איינוואוינער און וועלן ערלויבן טויזענטע פאַמיליעס לענגאויס ניו יאָרק סטעיט צו פאַרבלייבן אין זייערע הייזער. איך דאַנק די איינוואוינער, מיינע מיטאַרבעטער אינעם לעגיסלאַטור, און גאָווערנער האָקול פאַרן קעמפן פאַר די צוועק, און איך קוק פאָראויס ווייטער צו גיין מיט אונזער אַרבעט צוזושטעלן זיכערע, אַפּאָרדעבל, בכבוד'יגע הויזינג פאַר אַלע ניו יאָרקער."

**סירעקיוז הויזינג אויטאָריטעט און פּרעזידענט פון NYSPHADA עקזעקיוטיוו דירעקטאָר וויליאַם סימאָנס האָט געזאָגט,** "די ניו יאָרק סטעיט פּובליק הויזינג אויטאָריטעטן דירעקטאָרס איינהייט איז זייער דאַנקבאַר צו גאָווערנער קעטי האָקול, ספּיקער קאַרל היסטי, סענאַט מאַריטעט פירער ענדרו סטוארט קאַזינס און אַלע אונזערע שותפים אינעם סטעיט לעגיסלאַטור פאַרן אַוועקלייגן $391 מיליאָן ERAP פאָנדינג אין די היי-יעריגע סטעיט בודזשעט. פאַר דריי יאָר האָבן פּובליק הויזינג אויטאָריטעטן און אונזערע טענענטס געליטן פינאַנציעל פונעם פּאַנדעמיע און די געלט וועט ענדליך לייזן די חוב וואָס הענגט איבער אונזערע קעפּ. פּובליק הויזינג אויטאָריטעטן זענען קודם געווען לעצט אויפן ליסטע פון ERAP באַרעכטיגקייט, און א דאַנק גאָווערנער האָקול און אונזערע לעגיסלאַטיווע פירער טוען מיר אַדרעסירן די קריזיס."

###

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן